# דברי תורה

## מאת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### שנאמרו שבת פרשת נח תשע"ה לפ"ק

יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען - גליון תתכ"ב

## סעודה שלישית

**אלה** תולדות נח, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו וגו׳ (ו-ט). במדרש (ב"ר ל-ה) נח נח, אתמהה, לא הוה צריך קרא למימר אלא אלה תולדות נח שם, אלא נייחא לעליונים, נייחא לתחתונים וכו׳ ע"ש. וברש"י (שם) פירש, נייחא לעליונים, שבתחלה היו מקטרגים ואמרו יפה אמרו הראשונים מה אנוש כי תזכרנו, וכיון שבא הוא נחו העליונים מקיטרוגם, ונייחא לתחתונים, שמכל אשר נשמת רוח חיים באפו בזכותו זכה לעולם הזה ולעולם הבא ע"כ. - גם יש להבין התואר ׳איש׳ צדיק תמים היה, דלכאורה נראה כמיותר, וכמו שאמר לו ה׳ להלן כי אותך ראיתי צדיק, ולא הזכיר ׳איש׳ צדיק.

**ברש"י** כתב בדורותיו, יש מרבותינו דורשים אותו לשבח, כל שכן שאילו היה בדור צדיקים היה צדיק יותר, ויש שדורשים אותו לגנאי, לפי דורו היה צדיק, ואלו היה בדורו של אברהם לא היה נחשב לכלום (סנהדרין קח. ב"ר ל-ט) ע"כ. ויש להבין שגם אי נימא שהאמת כן, לאיזה צורך בא התורה להמעיט בשבחו ולספר בגנותו, שרק בדורותיו היה צדיק ולא בדורו של אברהם.

**ונראה** דהנה להלן כתיב, וישאר ׳אך׳ נח ואשר אתו בתבה (ז-כג). וברש"י אך נח, לבד נח זהו פשוטו ומדרש אגדה גונח וכוהה דם מטורח הבהמות והחיות (תנחומא ט). ויש אומרים שאיחר מזונות לארי והכישו. ועליו נאמר (משלי יא-לא) הן צדיק בארץ ישולם (שם) ע"כ. ויש לומר בזה עוד, דאיתא במדרש (ב"ר ל-ז) נח כשהיה יוצא מן התיבה הכישו ארי ושיברו, ולא היה כשר להקריב, והקריב שֵם בנו תחתיו ע"כ. והיינו כי מצינו להלן אשר שם בן נח, היה כהן לא-ל עליון (יד-יח), ואחר כך נמסרה הכהונה לאברהם אבינו (נדרים לב:), ומקודם ששימש שם בכהונה היה הכהונה אצל נח, אך כאשר נעשה נח בהתיבה בעל מום, נמסרה הכהונה לבנו.

**וראיתי** לבאר שזה מדוייק בלשון הרמב"ם (ה׳ בית הבחירה ב-ג) שכתב, ומסורת ביד הכל, שהמקום שבנה בו דוד ושלמה המזבח בגורן ארונה, הוא המקום שבנה בו אברהם המזבח ועקד עליו יצחק, והוא המקום ׳שבנה בו נח כשיצא מן התבה׳, והוא המזבח שהקריב עליו קין והבל וכו׳ ע"כ. הרי שאצל נח לא כתב אלא ׳שבנה בו׳, ולא הוסיף שהקריב עליו, כי אחר שהכישו הארי נפסל להקרבה, והקריב שֵם בנו תחתיו, ונח רק בנה המזבח ע"כ. ואם כן מתחלה היה לנח גם שם של תואר, כהן לא-ל עליון, וכמו שאנו קורין לכהנים בתואר כהן בקריאת שמם. אבל אחר המבול וישאר אך ׳נח׳, בלי התואר של כהונה, והוא בשביל שהכישו הארי.

**גם** יש לומר דהנה נח היה נייחא לעליונים ונייחא לתחתונים, ונראה הכוונה דאיתא במשנה (אבות ג-י) כל שרוח הבריות נוחה הימנו, רוח המקום נוחה הימנו. וכל שאין רוח הבריות נוחה הימנו, אין רוח המקום נוחה הימנו ע"כ. ונח היה נייחא לעליונים, שרוח המקום נוחה הימנו, ונייחא לתחתונים, שרוח הבריות היה נוחה הימנו. ובחתם

סופר בפרשתנו (כג.) כתב, כי הנוח לבריות יולד מזה שיהיה נוח לשמים. נמצא אלה תולדות נח, התולדות של נח, הוא נח השני כנ"ל ע"כ.

**וביאור** הדברים הוא בשתי אופנים, חדא, דאיתא בגמרא (יומא פו.) ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ב), שיהא שם שמים מתאהב על ידך, שיהא קורא ושונה ומשמש תלמידי חכמים, ויהא משאו ומתנו בנחת עם הבריות, מה הבריות אומרות עליו, אשרי אביו שלמדו תורה, אשרי רבו שלמדו תורה, אוי להם לבריות שלא למדו תורה, פלוני שלמד תורה, ראו כמה נאים דרכיו, כמה מתוקנים מעשיו, עליו הכתוב אומר (ישעיה מט-ג) ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר ע"כ. ואם כן מי שרוח הבריות נוחה הימנו, שמתנהג בעדינות ודרכי נועם, רוח המקום נוחה הימנו, כי שם שמים מתאהב על ידו (רבינו יונה שם). ולפי זה ההתחלה היא בהנהגתו שרוח הבריות נוחה הימנו, ומזה נולד שגם רוח המקום נוחה הימנו.

**ויש** גם אופן אחר, שעל ידי שמתנהג באופן שרוח המקום נוחה הימנו, על כן נותנין לו בשכרו, שימצא חן בעיני אלקים ואדם, ויהא רוח הבריות נוחה הימנו. שהגם שאין דעות בני אדם שוין, יש לו חן שכל אחד נוחה הימנו, וזהו כמאמרם (סוכה מט.) כל אדם שיש לו עליו חן, בידוע שהוא ירא שמים, שנאמר (תהלים קג-יז) וחסד ה' מעולם ועד עולם על יראיו ע"ש (רש"י ורע"ב שם). ולפי זה מה שהאדם נח לשמים, מוליד שיהא גם נח לבריות, שרוח הבריות נוחה הימנו.

**והנה** נח זכה לשתי המדות הללו, נח נח, שרוח המקום היה נוחה הימנו, וגם רוח הבריות. אך כל זה היה קודם המבול, שהיה העולם מיושב בבריות, אבל אחר המבול שלא נשאר נפש חיה כי אם בניו אשר אתו בתבה, וישאר אך נח, נח חדא, נח לשמים, כי מעלת נח לבריות לא היה שייך, שהרי כל אשר נשמת רוח חיים באפו מתו.

*

**והנה** פרשה זו של נח בא ללמדנו, על מאמרם (מגילה יא.) ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים וגו' (ויקרא כו-מד), בימי כשדים העמדתי להם דניאל חנניה מישאל ועזריה וכו', בימי פרסיים העמדתי להם של בית רבי וחכמי דורות ע"ש. והיינו שבכל דור ודור העמיד ה' צדיקים שידריכו את בני דורם, ויוכלו ללמוד מהם ליראה את ה'. וכמו כן בדור המבול, אם כי השחית כל בשר את דרכו, השאיר ה' צדיק אחד ביניהם, שיוכלו ללמוד ממנו איך להתהלך עם האלקים. וזה היה התביעה על אנשי דור המבול, שהיה לפניהם דמות של אותו צדיק נח, ואין גם אחד שילמוד ממנו ליראה את שם ה'.

**אמנם** כדי שיוכל הדור ללמוד מהצדיק, זהו רק כאשר הוא נוח לבריות, שאז יכולים הבריות לומר, ראיתם פלוני שלמד תורה כמה נאים דרכיו כמה מתוקנים מעשיו. אבל אם קורא ושונה, ואין דבורו בנחת עם הבריות, ואין מתנו ומקחו בשוק נאה, הרי הבריות אומרים אוי לפלוני שלמד תורה, אשרי בני אדם שלא למדו תורה, פלוני שלמד תורה ראו כמה מכוערים מעשיו כמה מקולקלים דרכיו, וכמבואר בגמרא שם. ועל כן הודיע לנו הכתוב, אלה תולדות נח נח, שהיה נח לשמים ונח לבריות, והיה להם ממי ללמוד, ואף על פי כן וירא אלקים את הארץ והנה נשחתה, מזה בא המבול.

**אך** גם יתכן לפעמים שהצדיק מתעלה על כל בני דורו, שהוא עומד בהשגה מרובה, ואינו יכול להוריד עצמו, והוא מובדל ומופרש כאיש האלקים, ומצדיק כזה גם כן אין יכולים ללמוד הרבה, כי הוא מורם מעם, ואיך יוכל איש פשוט להתנהג כמעשיו. על כן מודיע לנו הכתוב עוד במעלתו של נח, שהיה 'איש' צדיק תמים, שהנהגתו היה באנושיות, לא כחנוך שנתעלה למלאך, ויתהלך חנוך את האלקים ואיננו כי לקח אותו אלקים (ה-כד), ולא כאדם שחסר לו אנושיות, שאין דיבורו בנחת עם הבריות וכדומה, אלא 'נח נח', נח לשמים ונוח לבריות, 'איש צדיק תמים', שהיה התנהגותו באנושיות כאיש, ועם כל זה צדיק תמים. ועל דרך שפירש הרה"ק מקוצק זי"ע ואנשי קודש תהיון לי (שמות כב-ל), שתהיו קדושים אבל עם אנושיות יחד ע"כ.

*

**עוד** אנו למדים מפרשה זו, כי אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו, ואין מתבקש מהאדם אלא לפי כחו, והוא על דרך שכתוב ברמב"ם (ה' תשובה ג-ב) כי שיקול הזכיות

ועונות האדם אינו לפי מנין, אלא לפי גודלם. יש זכות שהוא כנגד כמה עונות שנאמר (מלכים א יד-יג) יען נמצא בו דבר טוב. ויש עון שהוא כנגד כמה זכיות שנאמר (קהלת ט-יח) וחוטא אחד יאבד טובה הרבה. ואין שוקלין אלא בדעתו של א-ל דעות, והוא היודע היאך עורכין הזכיות כנגד העונות ע"כ. וכמו כן נח, גם אם לפי דורו של אברהם לא היה נחשב לכלום, מכל מקום כנגד נסיונות דורו חשבו ה' לצדיק תמים, ומצא חן בעיני ה'.

**ורבינו** חיים ויטאל זצ"ל בספרו שער הגלגולים (סב:) כתב וז"ל, פעם שאלתי למורי ז"ל איך היה אומר לי שנפשי יש לה מעלה כל כך, והרי קטן שבדורות הראשונים היה צדיק וחסיד שאין אני מגיע לעקבו. ויאמר אלי, דע כי גדולת הנפש אינו תלויה כפי מעשה האדם הנראה לעינים, כי בוחן לבות וכליות ה' יתברך, וכפי הזמן והדור ההוא, מעשה קטן מאד בדור הזה שקול ככמה מצות בדורות הראשונים, כי בדורות האלו הקליפה והרע גוברת מאד מאד עד אין קץ, מה שאין כן בדורות הראשונים, ואילו הייתי אני חיים באותן הדורות, היו מעשי וחכמתי נפלאות ועולות מכמה צדיקים הראשונים תנאים ואמוראים וכו' ע"ש. ומעתה להדורשים לגנאי שאילו היה בדורו של אברהם לא היה נחשב לכלום, לא בא הכתוב לגנות את נח, אלא להודיע לבני אדם דרכו של מקום, ששוקל צדקות האדם לפי מצבו, כי אף על פי כן מצא נח חן בעיני ה', ותיארו בתואר של צדיק תמים, כי לפי דורו היה צדיק.

**וזה** מוסר השכל לנו, שלא נזלזל גם בעבודתנו המועטת, שאין אנו מגיעים לקרסולי דורות הקודמים, כי לפי הנסיונות העצומות שיש בזמנינו, שלא היתה כזאת מבריאת העולם לפי הטעכניק שבזמנינו, הקב"ה מחשיב מאד כל דבר קטן שהאדם עושה לכבוד שמו יתברך, ומשקל א-ל דעות הוא בכל אדם לפי מצבו.

*

**וכמו** כן לגבי דור המבול, אם כי לעינינו עיקר חומר חטאם היתה במה שהשחיתו את דרכם בערוה, במשקל א-ל דעות היתה הגזל חמור יותר, ואמר לנח, קץ כל בשר בא לפני כי מלאה הארץ חמס מפניהם (ו-יג), וברש"י לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל (סנהדרין קח.) ע"כ. וביאורו הוא, כי חוץ ממה שהחמס מקלקל ישובו של עולם והנהגת בני אדם, ומבטלת קיומו של עולם. עוד גם זאת הוא פוגע בשורש האמונה, שיש בתוך תוכו כפירה בהשגחת ה' על בריותיו, שהוא ממציא להאדם כל מחסוריו, וזן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כנים. וקודם יצירת הולד נגזר טפה זו מה תהא עליה, עשיר או עני (נדה טז:), ואין אדם נוגע במוכן לחבירו (יומא לח:), ואי אפשר לאדם ליקח גורלו בידו. והגם שיש בחירה להאדם לגנוב ולגזול, מכל מקום כמה דרכים למקום ליטלו ממנו אחר כך. ודור המבול שמלאה הארץ חמס, בסופו לא נהנו מגזילתם, כי נמחו מהעולם הם וממונם. ולכן לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל, אם כי הוא רק לאו גרידא, מכל מקום זה נוגע בשורש האמונה, ובמשקל א-ל דעות הכריע חטא זה ביותר לחתום את גזר דינם.

*

**ובזה** נבוא לבאר מה דאיתא במדרש תנחומא (תצוה ה), הנך יפה רעיתי הנך יפה עיניך יונים (שיר א-טו). אמר רבי יצחק אמר להם הקב"ה דוגמא שלך דומה ליונה, מי שמבקש ליקח חטים מחברו, הוא אומר לו הראני דוגמתן, אף אתה דוגמא שלך דומה ליונה, כיצד כשהיה נח בתבה, כתיב שם וישלח את העורב ויצא יצא, ואחר כך שלח את היונה, ותבא אליו היונה וגו' (בראשית ח-יא), אמר הקב"ה מה היונה הביאה אורה לעולם, אף אתם שנמשלתם כיונה הביאו שמן זית והדליקו לפני את הנר, שנאמר (שמות כז-כ) ואתה תצוה ויקחו אליך שמן זית ע"כ. והיא פליאה, דהן אמת שהיונה בהבאת הזית הודיעה לנח שפסק המבול, וחזר האור לעולם, והיונה הביאה אור לעולם. אבל איזה שייכות יש לאור זו עם הדלקת הנרות בבית המקדש בשמן זית שהוא אור אחר לגמרי, ואין לה שום קשר עם סוג האור שהביאה היונה.

**ונראה** כי היונה באה לעת ערב, והנה עלה זית טרף בפיה (ח-יא). וברש"י טרף בפיה, לשון מאמר, אמרה יהיו מזונותי מרורין כזית בידו של הקדוש ברוך הוא, ולא מתוקין כדבש בידי בשר ודם, כתיב הכא טרף, וכתיב התם (משלי ל-ח) הטריפני לחם חוקי (עירובין יח:) ע"ש. ויש לומר כי היונה היתה כל ימי המבול בהתיבה, ולא ידעה מה נתהוה בחוץ, ועכשיו יצאה לחוץ ומצאה עולם חרב ושמם, אין שום דבר בעולם מכל מה שהיה רק ארץ ושמים. וכל זה באה בשביל שמלאה הארץ חמס, שכל אחד לקח מאחרים

מה שהיה לבו חפץ, ונחתם גזר דינם על הגזל, כי לא האמינו שפרנסת האדם קצובה היא מן השמים מה שמגיע לו, על כן היונה קיבלה על נפשה שהיא רוצית להזהר מממון של אחרים כדי שלא תכשל בגזל, לא רק שלא תקח בעצמה מן הגזל, אלא גם ממון כשר אינה רוצית מיד בשר ודם, גם אם הוא צדיק תמים כנח, ועלה זית טרף בפיה, אמרה יהיו מזונותי מרורין כזית בידו של הקב״ה, ולא מתוקין כדבש ביד בשר ודם.

**ועל** זה כוונו שהיונה בעלה זית טרף בפיה, הביאה אורה לעולם, היינו שבמאמר פיה שהיתה עם הזית, שמזונותיו של אדם מסורין רק ביד ה׳, ולא בידי בשר ודם, בזה האירה עיני העולם. וישראל שהם נמשלו ליונה, הנך יפה עיניך יונים, גם הם יש להם עינים כאלו, שעיניהם מצפות רק לחסדי ה׳, במה שהוא ממציא להם מזונותם.

**והנה** כתיב (שמות מ-כב) וישם את המנורה באהל מועד נוכח השלחן. והיינו שהמנורה והשלחן הם מכוונים זה כנגד זה, וכמאמרם (בבא בתרא כה.) מנורה בדרום ושלחן בצפון. ויש לומר בטעמו, כי המנורה היא עדות לבאי עולם שהשכינה שורה בישראל, זו נר מערבי, שנותן בה שמן כמדת חברותיה, וממנה היה מדליק ובה היה מסיים (שבת כב:). ואם כן המנורה מורה על השגחת ה׳ בתחתונים, ששוכן למטה בתוך בני ישראל. והשלחן שעליו מונח הלחם הפנים, שפע פרנסת ישראל, הוא צריך להיות מכוון נגד המנורה, שהיא העדות שהשכינה שורה בישראל, להורות כי פרנסתו של האדם היא קצובה מאת ה׳ בהשגחה פרטית, ועליו אין להוסיף וממנו אין לגרוע. וכיון שישראל נמשלו ליונה שהביאה אורה, באמרה מוטב יהיו מזונותי בידו של הקב״ה גם כאשר יהיו מרורין כזית, ולא מתוקה כדבש תחת בשר ודם, על כן גם ישראל ידליקו המנורה בשמן זית לעומת השלחן, להורות שמזונות האדם מכוון נגד העדות שהשכינה שורה בישראל.

*

**והנה** נח זכה להשאר צדיק תמים גם בדור המבול, ולא עוד אלא שעלה בידו לגדל גם את בניו אחריו כמותו, ולא נשפעו מאנשי דור ההוא. וכבר דיברנו בזה, שזהו על ידי שהאדם מקדש את השבת קודש לה׳, הן לעצמו, שהיום מוקדש לתורה ותפלה ושירות ותשבחות ועבודת ה׳, והן לבניו להשתעשע עמהם בדברי תורה, ולהשפיע עליהם יראת ה׳. והנה מבואר בתיקוני זוהר הק׳ (תיקון ע קלח:) דנח איהו שבת ע״ש. וזהו שאמר ׳אלה תולדות נח׳, התוצאות והתולדות של שבת, הוא ׳נח איש צדיק תמים היה בדורותיו׳. ולא עוד אלא ׳ויולד נח שלשה בנים׳, שהיו גם כן צדיקים כאלו שראויים להנצל מעונש דור המבול.

**עוד** סיבה גרמה לנח שנשאר חי בצדקו לפני ה׳, דמבואר ברש״י (ז-ב) מכל הבהמה הטהורה, העתידה להיות טהורה לישראל, למדנו שלמד נח תורה ע״ש. ובראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל.), ותורה מגנא [מן היסורין] ומצלא [מיצר הרע שלא יכשילנו לחטוא] (סוטה כא.). ועל כן נח שהיה עוסק בתורה ניצול מהיצר הרע של דורו, והגין עליו תורתו שלא יענש עמהם.

**וזהו** כוונת המדרש (ב״ר לו-ג) אמר רבי ברכיה חביב משה מנח, נח משנברא איש צדיק נקרא איש אדמה, דכתיב (ט-כ) ויחל נח איש האדמה ויטע כרם, אבל משה משנקרא איש מצרי (שמות ב-יט), נקרא איש האלקים (דברים לג-א) ע״ש. ויש לומר כי התורה הקדושה בכחה להרים גם איש פחות למדריגה רמה. ומשה רבינו הגם שנולד ונתגדל בערות הארץ, איש מצרי, מכל מקום משה קיבל תורה מסיני, ונתעלה עד שהיה לאיש אלקים. אבל נח, מתחלה למד תורה ונקרא איש צדיק תמים. אך בהיותו בתיבה שנה תמימה, היה טרוד לזון את הבהמות והחיות והעופות, עד שאותן י״ב חודש לא טעם טעם שינה (תנחומא נח ט), ונתבטל שנה תמימה מלימוד התורה, על כן ויחל נח, נעשה חולין, ויצא משם איש האדמה, כי כך היא דרכה של תורה, אם תעזבני יום יומים אעזבך, כי רק התורה הקדושה מרוממת האדם להשתנות מאיש האדמה עד מדריגת איש צדיק תמים.


| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| לעילוי נשמת<br>מרת רחל מרים ב״ר דוד ע״ה<br>נפטרה י״א חשון<br>ת.נ.צ.ב.ה<br>הונצח ע״י בנה הר״ר בערל דייטש הי״ו | נתנדב ע״י ידידינו<br>מוה״ר ר׳ שלמה יוסף ראאב הי״ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>באירוסי בנו למזל טוב | נתנדב ע״י ידידינו<br>מוה״ר ר׳ פרץ חיים בוימהאפט הי״ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>בנישואי בתו למזל טוב | נתנדב ע״י ידידינו<br>מוה״ר ר׳ יעקב יוחנן מענדלאוויטש הי״ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>בנישואי בנו למזל טוב | נתנדב ע״י ידידינו<br>מוה״ר ר׳ חיים ניסן טויבער הי״ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>באירוסי בנו למזל טוב |

הרוצה לנדב להוצאת הגליון יפנה להר״ר יואל ברא״ש פייערווערקער הי״ו 347.243.1944

# דרשת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## אצל סיום מסכת פסחים ומעמד התחלת הש"ס

## בחבורת 'ובהם נהגה'

### יום ג' פרשת נח תשע"ה לפ"ק

**יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען - גליון תתכ"א**

**עס** איז ביי מיר א געוואלדיגע חשיבות צו באגריסן דעם גאנצן ציבור, וואס איז זיך צוזאמגעקומען צו די סיום מסכת פסחים, און צום התחלת הש"ס. **איך קען זאגן, אז דער היינטיגער טאג איז מיין חשוב'סטע טאג אין די קהלה. וואס איך זעה די פירות און פירי פירות,** ביי א מסיבה וואס מען קומט זיך צוזאם, נישט פאר קיין געלט צוועק, אדער פאר החזקת המוסדות, נאר א מסיבה וואס מען איז זיך צוזאם געקומען לכבודה של תורה. יונגעלייט וואס זענען מקבל אויף זיך עול תורה, מען פלאגט זיך ביז יעצט אויף תורה, און מען הייבט יעצט אן דעם סדר ביתר שאת פון אנהייב ש"ס. כי הם חיינו ואורך ימינו, דאס איז אונזער חיות. מען קען זיך נישט אויפהאלטן איין טאג אן תורה. אז מען וויל אליין זיין ערליך, און האבען ערליכע שטובער, און אויפשטעלן ערליכע יודישע דורות, איז נישט דא קיין עצה דערויף, נאר זיך אריינצוטון אין תורה הק'.

**איך** וועל זאגען א ווארט לכבוד די חשיבות פון דעם מעמד. א דבר תורה וואס איז נוגע פאר יעדעם איינעם, צו וויסען די חשיבות פון די שעה וואס ער געבט אוועק פאר לערנען. איך וויל אויך ארויסברענגען א געוויסע נקודה אין א סיום מסכת, וואס מען ווייסט אז עס איז א שמחה, און מען מאכט א סעודה דערויף, און פאר א גרויס חלק פונעם ציבור דא, איז עס א התחלת הלימוד. בדרך כלל מאכט מען נאר א סעודה אויף א סיום, אבער נישט אויף א התחלה. איך וויל אויך ארויסברענגען א נקודה וואס איז נוגע פאר לערנען צוזאמען מיט א ציבור, און וואס פאר א רושם עס לאזט איבער אויף די שטוב און אויף די קינדער.

**מען** געפונט ביי משה רבינו, אז דער אייבערשטער האט זיך מגלה געווען ביים סנה, און ער האט אים געזאגט, איך וויל דיך שיקן, אז דו זאלסט ארויסנעמען די יודען פון מצרים. און משה רבינו האט זיך אנגעהויבען צו דינגען, מי אנכי כי אלך אל פרעה, וכי אוציא את בני ישראל ממצרים (שמות ג-יא), ווער בין איך אז איך זאל גיין צו פרעה, און איך זאל ארויסנעמען די יודען פון מצרים. און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, ווען מען וועט ארויסגיין פון מצרים, וועלן יודען מקבל זיין די תורה, און זיי וועלן דינען דעם אייבערשטען, אויף דעם בארג, דער בארג סיני.

**רש"י** טייטשט, אז משה רבינו האט געפרעגט צוויי שאלות. מי אנכי כי אלך אל פרעה, וואס בין איך חשוב, אז דו האסט מיך אויסגעקליבען אז איך זאל גיין צו פרעה. והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג). און נאכדעם האט ער געפרעגט א צווייטע שאלה, וואס פאר א זכות האבען יודען, אז זיי זאלן ארויסגיין פון מצרים. האט אים דער אייבערשטער געענטפערט, דו פרעגסט וועלכע זכות יודען האבען, זיי האבען טאקע נישט א זכות ביז יעצט, אבער דער באשעפער קוקט אויפן עתיד. יודען וועלן מקבל זיין די תורה, און אין דעם זכות פון קבלת התורה לעתיד, זענען זיי כדאי אז זיי זאלן ארויסגיין פון מצרים.

**איך** מיין אז עס קען זיין נאך א כוונה, אין דעם וואס משה רבינו האט געפרעגט, וכי אוציא את בני ישראל ממצרים. עס ליגט נישט אזוי ווייט אינעם לשון פון פסוק, אז משה רבינו האט געפרעגט וואס פאר א זכות האבען יודען אז זיי זאלן ארויסגיין פון מצרים. ער האט נישט געפרעגט באיזה זכות יצאו, נאר 'וכי אוציא' את בני ישראל ממצרים, צו קען איך דען ארויסציען די יודען פון מצרים.

---

### בני ישראל נתעלו ממצבם הירוד במצרים ע"י כח התורה

**משה** רבינו האט געזאגט פארן רבונו של עולם. יודען זענען אין מצרים אזויפיל יארן, שוין צוויי הונדערט יאר און צען יאר זיצט מען אין מצרים, א פאלק אן תורה, מען לערנט נישט פון צופרי ביז ביינאכט, מען איז נישט מקיים מצוות פונעם אייבערשטען. א פאלק וואס געפונט זיך אונטער א שיעבוד פון מצרים, א פאלק וואס געפינט זיך אין ערות הארץ, מען איז ארומגענומען ארום און ארום נאר מיט אומות העולם, אין אזא טריפה'נע מקום ווי מצרים, זענען דא זעקס הונדערט טויזנט יודען, איבער א האלב מיליאן יודען, פון די צוואנציג יאר ביז די זעכציג יאר. און דו זאגסט, אז איך זאל ארויסנעמען דאס פאלק פון מצרים, און זיי מאכען פאר א עם סגולה. מען רעדט פון יודען וואס זענען אלט צוואנציג יאר, און

דרייסיג, און פערציג, און פופציג, און זעכציג, און זיבעציג, און מען ליגט אין די מ"ט שערי טומאה, נאנט אריינצוגיין אין די נ' שערי טומאה. צו קען מען זיי ארויסנעמען פון די טומאה ווי זיי זענען, און מאכען פון זיי א פאלק וואס זאל זיין א עם ה', א פאלק פונעם אייבערשטען. עס איז נישט במציאות.

**מען** זאל זיך פארשטעלן, אז מען זאל היינט אראפגיין צו א פלאץ ווי עס איז נישט דא קיין יודישקייט צוויי הונדערט יאר, און טויזנטער מענטשען זענען דארט ערצויגען געווארן אויף דעם גייסט, און מען זאל זיי זאגען, מיר גייען ענק ארויסנעמען, און מיר גייען פון ענק מאכען א עם סגולה. עס איז נישט מסוגל. עס איז נישט מסוגל צו נעמען איינעם וואס איז אזויפיל יארן געליגן אין די מ"ט שערי טומאה, און מען זאל אים ארויסנעמען, און מאכען פון אים א עם סגולה.

**האט** משה רבינו געזאגט, דו שיקסט מיך ארויסצונעמען די יודען פון 'מצרים'. פון 'ארץ מצרים' קען מען זיי טאקע ארויסנעמען, אבער עס איז נישט דא א מציאות זיי ארויסצונעמען פון די טומאה וואס האט זיך אנגעקלעבט אין זיי אין מצרים, אז זיי זאלן קענען פון דארט ארויסגיין. מי אנכי כי אלך אל פרעה, ווער בין איך אז דו שיקסט מיר פאר שליח. און אפילו דו שיקסט מיך יא פאר א שליח, וכי אוציא את בני ישראל 'ממצרים', קען איך דען ארויסנעמען די יודען פון די טומאה פון מצרים. פון 'ארץ מצרים', קען איך זיי ארויסנעמען, אבער וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, איז דען דא א מציאות, פאר א מענטש וואס ליגט אזויפיל יארן אין טומאה, אז מען זאל אים קענען ארויסנעמען פון די טומאה פון מצרים.

## בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין

**האט** דער אייבערשטער געענטפערט, יא. זיי האבען נאכנישט געהאט א תורה ביז יעצט, און אז מען האט נישט א תורה זעהט מען אזוי אויס. **אבער זיי גייען מקבל זיין די תורה, און תורה טוט אויסאיידעלען די מענטשען. עס קען נעמען איינעם וואס איז געווען ווייט פון תורה, ווייט פון יראת ה', און ליגט אין טומאה, און ווען מען הייבט זיך אן מדבק צו זיין אין תורה, ווערט מען א אנדערע סארט מענטש. עס איז נישט קיין נפקא מינה ווי אלט מען איז. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו מען איז א יונגערמאן, צו מען איז אויף די עלטער. ווען א יוד איז זיך מדבק אין תורה הק', בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין** (קידושין ל:), **עס איז דא א תבלין אקעגן דעם יצר הרע, און דו וועסט קענען ארויסנעמען יודען, אז זיי זאלן זיין א עם סגולה פארן אייבערשטען, אפילו זיי זענען יעצט אין די מ"ט שערי טומאה.**

**און** דער באשעפער האט עס באוויזען. ביז א פאר וואכען שפעטער פון ווען יודען זענען ארויס פון מצרים, זענען זיי געווען גרייט צו זאגען נעשה ונשמע. מען האט מקבל געווען די תורה, אפילו מען ווייסט נאך נישט וואס עס שטייט דערין. זיי זענען נתהפך געווארן אזוי ווי מלאכים. און מען איז נאכדעם געזעסן פערציג יאר אינעם מדבר, פון צופרי ביז ביינאכט, און נישט עוסק געווען אין קיין ארבעט, עס איז נישט געווען קיין פראבלעמען פון פרנסה, און פון דירות, און מען איז געזעסן און געלערנט פון צופרי ביז ביינאכט. און עס איז ארויסגעקומען אזא עם סגולה, אז עס שטייט אין זוהר הק' (ח"א כב.), אז אזא דור ווי דער דור המדבר, וועט נישט זיין ביז משיח וועט קומען.

**דו** פרעגסט וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, צו עס איז א מציאות ארויסצונעמען אזא פאלק פון די טומאה פון מצרים, און זיי זאלן דערהויבען ווערן. בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, ווען מען וועט מקבל זיין אויף זיך עול תורה, וועסטו זעהן אז זיי וועלן ווערן א אנדערע פאלק, און זיי וועלן ווערן א עם סגולה.

## בלימוד התורה נשתנה האדם והנהגת ביתו

**און דאס איז אזוי אין אלע דורות, ווען א יוד איז מקבל אויף זיך עול תורה. יעדע פרייע צייט וואס ער האט, וויל ער אוועקגעבן פאר תורה. עס אינטערעסירט אים נישט די אלע הבלי עולם הזה. ער דארף טאקע עוסק זיין אין פרנסה, הנהג בהם דרך ארץ** (ברכות לה:), **מען דארף טון וואס מען דארף צו טון, אבער ווען ער האט געענדיגט זיין פרנסה, קומט ער אהיים, און עס אינטערעסירט אים נישט די היינטיגע זאכען וואס איז דא אויף די וועלט, עס אינטערסירט אים נאר איין זאך, איך וויל זיך זעצן לערנען. די שעה אדער צוויי וואס איך האב, וויל איך לערנען, און איבערחזר'ן וואס איך האב געלערנט, און זיך פארהערן וואס מען לערנט, דעמאלטס ווערט ער א אנדערע מענטש. ער איז נישט דער זעלבער יונגערמאן וואס ער איז געווען פאר דעם.**

**און ווער עס האט עס אנגעהויבען, און ער איז מיטגעגאנגען דערמיט, ווייסט דעם אמת, אז עס האט אים געטוישט, און עס האט געטוישט זיין שטוב, זיין בני בית קוקט אויף אים מיט אנדערע אויגען פון וואס מען האט אים אנגעקוקט פארדעם. ער באקומט א חשיבות אינדערהיים, ער באקומט א חשיבות ביי די בני בית אין שטוב, און ער ווערט א אנדערע סארט מענטש מיט קבלת התורה, די אלע וואס האבען עס מיטגעהאלטן ביז יעצט, ב"ה עס איז היינט דא טויזנטער יודען וואס האלטן עס מיט, דורך דף היומי, דרשו, און אנדערע פלעצער ווי עס איז דא אזא סדר, האט עס איבערגעדרייט די שטוב, און עס האט איבערגעדרייט דעם מענטש אליין פון וואס ער איז געווען פריער. אפילו מען איז פארבינדען מיט די ארבעט, פון דעסטוועגן דאך האט מען צייט פאר לימוד התורה, און מען איז מצליח.**

**מען** האט פריער געהערט ווי רבי מרדכי אנשיל (לאקס) האט אזוי שיין גערעדט, און ער האט ארויסגעברענגט פון זיך אליין. איך וויל צוגעבן צו זיין מעשה נאך א שטיקל, וואס ער ווייסט אפילו נישט דערפון. מיין שטוב איז אויף ווילסאן סטריט, און זומער איז אפען די פענסטער, און ער ארבעט פאר די תלמוד תורה, ער איז א באס דרייווער, און די באס איז געפארקט נעבן מיין פענסטער, און עס איז דא צייטען וואס ער דארף קלינען די באס, וואס הער איך פונעם באס? די טעיפ פון לערנען וואס גייט דארט. ער

שטייט אויפן באס, און קערט, און מיט די אויערן הערט ער דברי תורה. דאס האלט איך אליין מיט, בעיני ראיתי. **דאס איז א משל, ווי אזוי מען קען קערן א באס, און מען קען אויסהערן דברי תורה. מען קען זיין ביי די ארבעט, און די קאפ ליגט אין לערנען. יגיע 'כפיך' כי תאכל (תהלים קכח-ב), די יגיעה איז נאר אין די הענט, עס איז נישט יגיע 'ראשך', עס איז נישט מיט די קאפ, אשריך וטוב לך, אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא.**

## אצל השי"ת נחשב גם עצם הקבלה כאילו עשאו

**עס** קען זיין לענינינו, נאך א כוונה אין משה רבינו'ס שאלה, וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, און דער באשעפער האט אים געזאגט, אז די יודען וועלן מקבל זיין די תורה. אז די פשט איז נישט נאר אז אין דעם זכות פונעם עתיד, אז מען וועט שפעטער מקבל זיין די תורה, טו איך זיי אויסלייזען, נאר עס האט אין זיך א טיפערער באדייט.

**די** גמרא (תענית ח:) זאגט, אז אין די צייטן פון רבי זירא האט מען גוזר געווען שמד ל"ע אויף יודען, און זיי האבען געוויסט אז יודען האבען א כח, אז ווען מען פאסט תעניתים און מען איז מתפלל, טוט דער אייבערשטער משנה זיין די גזירה, האבען זיי גוזר געווען אויך אויף דעם, אז מען טאר נישט פאסטען. מען טאר נישט גוזר זיין א תענית, אויף די גזירה פון שמד. האבען זיי געהאט א פראבלעם, וואס מען זאל טון. עס איז דא א גזירה פון שמד, און מען קען נישט פאסטען. האט רבי זירא געזאגט, אז מען זאל יעצט מקבל זיין די תענית, אז ווען דער אייבערשטער וועט העלפען, און די גזירה וועט בטל ווערן, וועלן מיר דעמאלטס אויספירן די תענית, און מען וועט פאסטען. און דעם כח אז מען איז מקבל אויף זיך דעם תענית, טוט דער אייבערשטער באטראכטען כאילו מען האט שוין געפאסט, און מען וועט אויפטון מיט דעם, וואס א תענית האט א כח מבטל צו זיין א גזירה.

**און** ער האט געברענגט א ראיה פון א פסוק (דניאל י-יב), אז ווען דניאל האט געהאט א פראבלעם מיטן מלכות, און ער האט געפאסט א לענגערע צייט, און נאכדעם וואס ער איז אדורך זיין תענית, האט זיך א מלאך באוויזען פאר אים, און ער האט אים געזאגט, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, כי מן היום הראשון אשר נתת את לבך להבין ולהתענות לפני אלקיך, אז פון די ערשטע טאג וואס דו האסט דיך גענומען צום הארץ אז דו גייסט פאסטען, פון דעמאלטס אן איז נשמעו דבריך, איז נתקבל געווארן דיינע תפלות, און דו וועסט האבען די ישועה. האט רבי זירא געזאגט, אז מען זעהט פון דעם פסוק, אז דער אייבערשטער האט נישט געווארט ביז ער האט אויסגעפירט דעם תענית, און דעמאלטס האט ער אים געהאלפען, נאר פון דעם ערשטען טאג וואס מען איז מקבל אויף זיך, אז מען וועט אזוי טון, איז עס ביים אייבערשטען גערעכנט כאילו ער וואלט עס שוין געענדיגט. מיר קענען נישט פאסטען, מיר קענען נישט בפועל זיין אין א תענית, ווייל דער מלכות לאזט נישט. ווען מען וועט מקבל זיין די תענית, וועט עס גערעכנט ווערן אזוי ווי מען האט עס געטון.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (פ' בחוקותי פד.), זאגט, אז דאס איז פשט אין פסוק (ויקרא כו-ג) אם בחוקותי תלכו ושמרתם ועשיתם אותם, ונתתי גשמיכם בעתם. אם בחוקותי תלכו, ווען א יוד איז מקבל אויף זיך תורה, אפילו ער האט נאכנישט געלערנט, אבער ער האט מקבל געווען אויף זיך, אז איך גיי יעצט לערנען, ער האט א קבלה בלבו אז ער גייט עס טון, אם בחוקותי 'תלכו', אז דו הייבסט נאר אן צו גיין אין די תורה, האסט מקבל געווען אויף דיר עול תורה, איז ביים אייבערשטען גערעכנט 'ושמרתם ועשיתם אותם', כאילו דו האסט עס שוין אפגעהיטן, און דו האסט עס שוין געטון. דו דארפסט נאך אויספירן דיין קבלה, אבער ביים אייבערשטען ווערט עס גערעכנט כאילו דו האסט עס שוין גומר געווען.

**און** נישט נאר אז עס ווערט גערעכנט אין הימל אזוי ווי דו האסט עס שוין גומר געווען, נאר אזוי ווי אויף א מצוה איז דא שכר, געבט דער אייבערשטער דעם שכר תיכף בשעת די קבלה, ונתתי גשמיכם בעתם, אויף דעם וואס דו האסט מקבל געווען אם בחוקותי תלכו, איז שוין דא די ונתתי גשמיכם בעתם. און וועגן דעם איז דער מדרש (ויק"ר לה-ד) מסמיך דעם פסוק (תהלים קיט-נט) חשבתי דרכי ואשובה רגלי אל עדותיך. 'חשבתי דרכי', אפילו איך האב נאר געטראכט אויף די דרכי התורה, 'ואשובה רגלי אל עדותיך', און שפעטער וועל איך עס אויספירן בפועל, 'חשתי ולא התמהמהתי לשמור דבריך', איז ביים אייבערשטען באטראכט ווי איך האב זיך נישט מתמהמה געווען אפצוהיטן די ווערטער פון די תורה, און עס ווערט גערעכנט כאילו מען האט עס יעצט געטון.

## המקבל על עצמו לסיים הש"ס מקבל שכר כאילו כבר סיימו

**די** שכר פון לימוד התורה איז זייער גרויס, עס איז פון די זאכען וואס מען איז אוכל פירותיהם בעולם הזה, והקרן קיימת לעולם הבא (פאה א-א), און כל העוסק בתורה נכסיו מצליחין (ע"ז יט:), אז א מענטש איז עוסק בתורה, האט ער הצלחה. **די הצלחה וועט נישט זיין ווען ער וועט ענדיגען די מסכת. נאכדעם וואס ער האט אוועקגעגעבן און געלערנט אזויפיל שעה'ן, דעמאלטס וועט ער מצליח זיין. נאר די ערשטע טאג וואס א מענטש איז מקבל אויף זיך, אז איך גיי מיך צושטעלן צו די סדר פון 'ובהם נהגה', אויב ער האט אינזין צו לערנען איין מסכת, טוט דער אייבערשטער רעכנען ווי ער האט שוין אדורכגעלערנט איין מסכת. און אויב ער האט אינזין יעצט אז איך וויל מיך צושטעלן ביז מען וועט ענדיגען ש"ס, איז ביים אייבערשטן גערעכנט כאילו ער האט שוין געענדיגט ש"ס, און ער באקומט שוין יעצט דער שכר. ווייל פון ווען א מענטש געבט זיך צום הארץ, אז ער וויל עס טון, ווערט ביים אייבערשטען גערעכנט, כאילו ער האט עס שוין געטון.**

**מען** געפונט ביי יצחק אבינו, אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, גור בארץ הזאת, בלייב דא וואוינען, און גיי נישט קיין מצרים (בראשית כו-ג). און רש"י זאגט, ווייל יצחק איז א עולה תמימה, און א עולה תמימה געהערט אין ארץ ישראל, און ער קען נישט גיין קיין מצרים. יצחק איז א עולה תמימה? מען האט אים נאר 'געוואלט' מקריב זיין, אבער מען האט אים נישט מקריב געווען. ער איז נישט געווען א עולה. אברהם האט אים גענומען,

ויעקוד את יצחק בנו, אבער בעצם האט ער אים דאך נישט געשחט'ן. און דער אייבערשטער זאגט, יצחק איז א עולה. און ער קען נישט ארויסגיין קיין חוץ לארץ.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (שם) איז מסביר, דאס וואס די גמרא (חגיגה יז.) זאגט, אז א טאג נאך שבועות, ווערט אנגערופן 'יום טבוח'. מען האט נישט געקענט מקריב זיין די קרבנות אין יום טוב, ווייל עס איז אויסגעפאלען אין שבת, האט מען עס מקריב געווען א טאג שפעטער, און מען האט גערופן דעם טאג, אז עס איז א טאג פון שחט'ן קרבנות. שטעלט זיך דער **חתם סופר**, טבוח, איז א לשון וואס מען געפינט ביי חולין, ווען מען שחט חולין רופט מען עס אן טביחה, וטבוח טבח והכן (בראשית מג-טז), וטבחו או מכרו (שמות כא-לז), אבער ווען מען רעדט פון קדשים, רופט מען עס נישט מיט א לשון פון טביחה, נאר מיט א לשון פון זביחה. פארוואס האט מען נישט אנגערופן דעם טאג, אז עס איז א 'יום זביחה', א טאג וואס מען שחט קרבנות, טבוח איז דאך א חולין'דיגע זאך.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר** א דבר נפלא, ווען עס קומט יום טוב, און א יוד וויל ברענגען א קרבן פארן אייבערשטען, און ער קען נישט, ווייל עס איז שבת און מען קען נישט מקריב זיין, און ער מוז אפשטופן דעם קרבן אויף שפעטער, אבער במחשבה איז ער יעצט געווען גרייט צו ברענגען א קרבן. זאגט דער **חתם סופר**, אז עס ווערט גערעכנט אזוי ווי ער האט שוין אפגעברענגט זיין קרבן, ווייל ווען א מענטש איז מחליט אז ער וויל ברענגען א קרבן לכבוד יום טוב, ווערט גערעכנט כאילו ער האט שוין געברענגט זיין קרבן אין יום טוב. ער האט דאך אבער א חיוב אויף זיך, דארף ער ברענגען דעם קרבן בפועל, זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, וואס ער וועט שחט'ן שפעטער, איז שוין אזוי ווי ער שחט חולין. ווייל זיין מצוה פון זביחת קדשים האט ער שוין מקיים געווען נעכטען. די טאג וואס ער טוט שפעטער שחט'ן איז נאר א 'יום טבוח'.

**אזוי** ווי ווען א יוד איז מקבל אויף זיך צו שחט'ן א בהמה, זאגט מען, אז פון ווען ער האט מקבל געווען אויף זיך צו שחט'ן די בהמה, ווערט עס גערעכנט אזוי ווי עס איז געשחט'ן, אזוי אויך ווען אברהם אבינו נעמט אויף זיך צו גיין שחט'ן יצחק אויף די עקידה, ווערט עס גערעכנט ביים אייבערשטען ווי ער האט שוין געפארטיגט. ווען אברהם האט ארויסגעטרעטן פון זיין שטוב, וישכם אברהם בבוקר ויחבוש את חמורו, כדי צו גיין שחט'ן יצחק, איז שוין די עקידה געענדיגט געווארן. מן היום הראשון אשר נתת אל לבך להבין ולהתענות, ווערט עס ביים אייבערשטען גערעכנט ווי ער האט עס שוין מקיים געווען. נאר ער מוז עס אויך אויספירן בפועל. און יצחק ווערט גערעכנט ווי א עולה תמימה, פון די מינוט וואס אברהם האט אים געוואלט שחט'ן פאר א עולה.

**ווען מיר זענען מקבל אויף אונז עול תורה, איז עס נישט נאר אז מיר האבן יעצט א התחלה פון א מסכת, א התחלה פון ש"ס, מיר האבן שוין די סיום אויך יעצט. אויבן אין הימל האלט מען שוין נאכן סיום, ווייל פון ווען א יוד איז מקבל אויף זיך אז ער גייט לערנען א מסכת, טוט אים דער אייבערשטער רעכענען כאילו ער האט עס שוין מקיים געווען, ער דארף עס נאר אויספירן בפועל. און נישט נאר עס ווערט גערעכנט ווי ער האט עס מקיים געווען, נאר די שכר וואס איז דא אויף א מצוה, ווערט אים שוין יעצט גערעכנט כאילו ער וואלט עס שוין געטון.**

## מעלת הלימוד בחבורה יחד עם הציבור

**ווען** מען רעדט פון א גאנצע ציבור וואס נעמט זיך צוזאם צו לערנען, האט עס אין זיך א עקסטערע חשיבות. אויסער דעם וואס עס איז נישט דומה רבים העושים המצוה, צו דעם וואס א יחיד טוט א מצוה (רש"י ויקרא כו-ח). **יעדער איינער, בפרט אין א קהלה, האט א השפעה אויפן חבר אויך. אז ער לערנט, לערנט דער חבר. און אז דער חבר לערנט, איז ער גורם אז דער דריטער לערנט אויך. אזוי איז עס. אזוי ווי די סדר איז אין גשמיות, אז איינער טוט אנרייצען דעם צווייטען, איז אין רוחניות אויך די זעלבע, אז איינער ווערט נשפע פונעם אנדערן. אז עס לערנט א רבים, האט עס א זכות פונעם רבים.** אבער עס איז דא נאך א נקודה, עס איז מחייב דעם מענטש מער ווען ער האט א סדר קבוע וואס ער לערנט, און מיט א ציבור וואס האלט מיט.

**די** גמרא (ברכות ח.) זאגט, לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור, עס איז דא א מצוה פון חז"ל, אז מען דארף מעביר סדרה זיין יעדע וואך. די וואך וואס מען לערנט די פרשה, דארף מען די וואך מעביר סדרה זיין. און עס איז א סגולה פאר אריכות ימים, וכל המשלים פרשיותיו עם הציבור, מאריכין לו ימיו ושנותיו, ווען איינער טוט משלים זיין פרשיותיו עם הציבור, טוט מען אים מאריך זיין זיינע יארן.

## התעוררות להעביר הסדרה שנים מקרא ואחד תרגום

**בעפאר** מען גייט צום פשט דערפון, דארף יעדער וויסען עברי מיט טייטש. **עס קומט א לאנגע ווינטער, און מען דארף מעביר סדרה זיין יעדע וואך. עס איז א חיוב מעביר סדרה צו זיין, און עס איז א סגולה פאר אריכת ימים. יעדער וואלט געטון פאר אריכת ימים, וואס מען קען נאר. איין שעה וואס מען געבט אוועק, מען זאל געהעריג מעביר סדרה זיין, איז א סגולה בדוקה פון חז"ל, אז מען איז מאריך ימים ושנים.**

**איך** האב געהערט פארציילען, אז **רבי יהושע'לע טומשוב'ער זצ"ל**, ער האט געהייסען א בעל רוח הקודש, איז אמאל געקומען צום הייליגען **ערוגת הבושם** אין ישיבה, און די בחורים זענען אדורכגעגאנגען נעמען שלום. נאכדעם איז ער געווען ביים **ערוגת הבושם** אין שטוב, און דער **ערוגת הבושם** האט אים געפרעגט, וואס ער זאגט צו זיינע בחורים. האט ער געזאגט, זיי קוקען אויס צו זיין וואוילע בחורים, אבער אויף אסאך האב איך דערקענט אז זיי האבן נישט קיין יראת שמים. דער **ערוגת הבושם** איז זייער דערציטערט געווארן פון אזעלכע ווערטער, און ער האט אים געפרעגט, וואס ער מיינט דערמיט. האט ער געזאגט, איך האב דערקענט אויף זייער צורה, אז זיי זענען נישט מעביר סדרה. האט דער **ערוגת הבשם** זיך אינטערעסירט צו עס איז ריכטיג, אז די בחורים זענען נישט מעביר סדרה, און ער איז

געוואר געווארן, אז אזוי ווי די פארהער אין ישיבה איז געווען דאנערשטאג ביינאכט אדער פרייטאג, ווייל זונטאג האט מען אנגעהויבן א פרישען סדר, זענען די בחורים געווען פארנומען זיך צו שטעלן צום פארהער סוף וואך, האט מען מזלזל געווען אין מעביר סדרה זיין. האט דער **ערוגת הבושם** געטוישט די סדר, אז מען זאל געבן צייט סוף וואך, אז מען זאל קענען מעביר סדרה זיין. שכל המשלים פרשיותיו עם הציבור, מאריכין לו ימיו ושנותיו.

## מעלת הלומד סדר גמרא בקביעות דבר יום ביומו

**וואס** איז די טעם פון מעביר סדרה זיין. כדי אז א יוד זאל אדורכלערנען די גאנצע תורה, פון בראשית ביז וזאת הברכה, איין מאל א יאר. און סוף פונעם יאר ענדיגט מען וזאת הברכה. פארוואס דארף מען עס משלים זיין 'עם הצבור', פארוואס מוז ער מעביר סדרה זיין די סדרה פון בראשית אין פרשת בראשית, און די סדרה פון נח אין פרשת נח. זאלן די חכמים זאגען, אז איין מאל א יאר דארף מען אדורכגיין די גאנצע תורה. דאס איז דאך די ציל, אז מען זאל משלים זיין די גאנצע תורה ביז סוף פונעם יאר.

**נאר** ווען א מענטש האט נישט א סדר קבוע, פאלט ער אדורך. ווען ער ווייסט אז ער מוז די וואך ענדיגען כך וכך, האלט זיך עס ביי אים. ווען מען וואלט געדארפט מעביר סדרה זיין די גאנצע תורה איין מאל א יאר, וואלט מען אין די לעצטע וואך פונעם זומער געזען, ווי די גאנצע בית המדרש איז פארנומען, אז מען האט נאך אפאר סדרות וואס מען האט נאכנישט מעביר סדרה געווען, און מען דארף עס משלים זיין. און ווען עס וואלט געקומען חודש אלול, וואלט מען אנשטאט זאגען תהלים, געזעסן אין בית המדרש און מען וואלט מעביר סדרה געווען. אזוי איז די סדר. אז א מענטש האט נישט א זאך וואס עס שטופט אים, טוט ער עס אפלייגען אויף שפעטער. כל המשלים פרשיותיו עם הציבור, אויב ער איז משלים די פרשה מיטען ציבור, יעדע וואך האט ער זיין סדר. ער קען נישט אוועקגיין פונעם שבת, ביז ער האט נישט מעביר סדרה געווען פאר די וואך, איז ער מעביר סדרה, און ער גייט אדורך די גאנצע תורה.

**אמאל** מיינט ער, אז ער האט נישט קיין צייט. ער איז פארנומען מיט דברי חול אדער מיט דברי תורה, ער האט נישט קיין צייט מעביר סדרה צו זיין. האסט נישט קיין צייט?, מאריכין לו ימיו ושנותיו. מען וועט דיר באצאלען דערפאר. מען וועט דיר צוגעבן נאך אפאר יאר צו לעבן, און דו וועסט האבן גענוג צייט משלים צו זיין אלע דיינע צרכים וואס דו האסט משלים צו זיין, אבער זיי משלים פרשיותיו עם הציבור.

**דאס איז די תועלת פון דעם וואס א ציבור לערנט צוזאמען, און ער איז אויסגעשטעלט מיט א סדר, אז ער ווייסט אז עס קען נישט אדורכגיין די טאג, און ער האט נישט געלערנט דעם בלאט. ער קומט אהיים ביינאכט מידהרייט, וועט ער זען אפצולערנען דעם בלאט. און אז עס האט זיך יא געמאכט אמאל א אונס, ווייסט ער אז עכ"פ ביז סוף וואך, ווען ער דארף מאכען חזרה, מוז ער אדורכגיין די פאר בלאט. און דאס געבט א געוואלדיגע כח פאר א מענטש, אז ער זאל אנגיין דערמיט, און ער זאל עס קענען משלים זיין.**

## תועלת הבחינות שיהיו דברי תורה שגורים על פיו

**די** חבורה פון 'ושננתם', צו נעמען די בחינות יעדן חודש, שיהיו דברי תורה מחודדים בפיך (קידושין ל.), מען לערנט נישט נאר ווייל מען דארף יוצא זיין, ער איז אדורכגעגאנגען זיין בלאט גמרא, נאר ער לערנט ווייל ער דארף זיך נאכדעם פארהערן. עס לערנט זיך אנדערש. ער ווייסט אז ער קען נישט אדורכלאזען א טאג אנדעם וואס ער לערנט נישט. און בשעת ער זיצט ביים שיעור, איז אים די קאפ אריינגעלייגט אין די גמרא, ווייל אז נישט, וועט ער עס נישט קענען גערעדענקן שפעטער ביים איבערחזר'ן. די איכות הלימוד, איז א אנדערע סארט לערנען.

**ועל כולם, אז מען חזרט איבער וואס מען האט געלערנט, ליגט אים דער קאפ אין תורה. און ער קען זיין אויפן באס, און ער קען גיין אויפן גאס, און ער קען ליגען אין בעט, אלץ איז ער פארבינדען מיט לימוד התורה. ווייל די עמוד גמרא וואס ער האט היינט געלערנט, טוט ער איבערחזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל, און אריינטראכטען דערין, און די קאפ איז אים פארנומען מיט לימוד התורה. אבער דאס איז נאר ווען ער האט א עול אז ער דארף עס 'קענען'. אויב ער האט נאר א עול עס צו 'לערנען', דעמאלטס ווען ער האט עס אפגעלערנט, איז ער אוועקגעגאנגען פון די מסכת. אבער אז ער נעמט אויף זיך צו לערנען און איבערצוחזר'ן, שיהיו דברי תורה מחודדים בפיך, דאס ברענגט אים דערצו, אז ער זאל קענען אנגיין מיט תורה ווי ער גייט, און ווי ער שטייט, זאל ער קענען לערנען.**

**ושננתם** לבניך, ווען עס וועט זיין ושננתם, אז א מענטש וועט איבערחזר'ן וואס ער האט געלערנט, כדי די תורה זאל זיין מחודדים בפיך, דעמאלטס ודברת בם, וועסטו רעדן אין די תורה, בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך, נישט נאר בשעת דו זיצט אין בית המדרש וועסטו לערנען, נאר עס טוט מחזק זיין דעם מענטש, ודברת בם, אז דו זיצט און דו לערנסט תורה, בשבתך בביתך, סיי ווען דו ביסט אינדערהיים, ובלכתך בדרך, און סיי ווען דו ביסט אונטערוועגענס, ובשכבך ובקומך, די קאפ ליגט אין תורה, ווייל ער דארף איבערחזר'ן שטענדיג וואס ער האט געלערנט. און דאס געבט א געוואלדיגע חיזוק פארן מענטש, צו זיין פארבינדען שטענדיג מיט תורה. **היינט אויב די קאפ ליגט נישט אין תורה, ליגט די קאפ אין אנדערע זאכען. די גאסן זענען אזוי ווי זיי זעהן אויס, די שפראך ווי אזוי מענטשען רעדן איז זייער נידריג. אבער ווען א מענטש ליגט אין תורה, טראכט ער נישט, און ער זעהט נישט, און ער קוקט נישט, ווייל די קאפ איז אים פארנומען מיט לימוד התורה.**

## הנהגת האדם משפיע על בניו אחריו

**עס** איז ביי מיר א שמחה, ווען איך זעה א חלק פונעם ציבור, וואס זענען דא די טאטעס מיט די קינדער. ביידע האבען עס גענומען אויף זיך. די עלטערן לערנען, און די קינדער לערנען אויך מיט. און עס האט א ספעציעלע חשיבות. ווען א טאטע מיט א קינד זענען

**אויף די זעלבע בלאט גמרא, קען מען רעדן צו א קינד אין דברי תורה, און מען איז פארבינדען מיט אים אין דברי תורה, און נישט מיט קיין נארישקייטען. ווען ער זעהט א שיינע זאך אויף די מסכת, זאגט ער עס פארן זון, און ווען דער זון זעהט א שיינע זאך, זאגט ער עס פארן טאטע. ווען מען האט צייט, ווען מען זיצט שבת ביי די סעודה, האט מען צייט זיך אויסצושמועסן אין דברי תורה. עס ברענגט א געוואלדיגע קשר צווישן קינדער און עלטערן.**

**איך** האב די וואך געזען שטיין אינעם ספר **זכור לדוד**, פון רבי דוד פרענקל, ער איז געווען א מקורב ביים **חזון איש**, און ביים **בריסקער רב**. און ער ברענגט דארט אינעם ספר, אז א יוד האט פארציילט פארן **בריסקער רב**, אז ער איז אמאל געווען אין לעמבערג, ער האט געמוזט זיין דארט די הייליגע טעג, און אין לעמבערג האט געוואוינט דער **באיאנער רבי**, איז ער אריינגעגאנגען אהין הושענא רבא, און פאר אים איז געשטאנען א יוד א עושר, און ער האט זיך אפגערעדט פארן **באיאנער רבי**, אז ער האט געשיקט זיינע קינדער אין גימענאזיום לערנען, און זיי האבען אראפגעווארפען פון זיך עול תורה, און ער האט נישט קיין שפראך מיטן קינד, און דאס קינד האט נישט קיין שפראך מיט אים. און דער **באיאנער רבי** האט אים געזאגט, נו, מיר וועלן נאך רעדן נאך יום טוב.

**האט** דער יוד פארציילט אז יום טוב ביים טיש, איז דער עושר געזעצן דארט, און ער איז אויך געווען דארט, און דער **באיאנער רבי** האט זיך געשטעלט ביי די דברי תורה, אויף דעם פסוק וואס מען זאגט אין קריאת שמע, והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך, די ווערטער פון די תורה זאלן זיין אויף דיין הארץ, ושננתם לבניך, און דו זאלסט לערנען מיט די קינדער, מען רעדט נישט פון זיך, נאר פון די קינדער, און נאכדעם גייט ער צוריק, ודברת בם, און דו זאלסט רעדן דערין, בשבתך בביתך ובלכתך בדרך (דברים ו-ו), די סדר הפסוקים וואלט געדארפט צו זיין, והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך, ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך, און נאכדעם ושננתם לבניך, אז צו די קינדער זאלסטו אויך רעדן. קודם דארף מען פארטיגען מיט זיין לימוד התורה, און נאכדעם גייט מען אריבער צו די קינדער. [דער יוד האט עס נאכגעזאגט פארן **בריסקער רב** נאך פאר די קריג, און יארן שפעטער האט אים דער **בריסקער רב** געטראפן, און ער האט אים געזאגט, די קשיא וואס דו האסט מיר דעמאלטס געזאגט, ליגט מיך נאך אין די ביינער. און ער האט אים געזאגט א תירוץ דערויף, און אין די חידושים פונעם **גרי"ז** על התורה, איז געדריקט א תירוץ צו פארענטפערן די קשיא].

**האט** דער **באיאנער רבי** געזאגט אזוי, ווען א יוד לערנט תורה, און ער לערנט תורה מיט די קינדער, און ער שיקט זיי נישט אין א גימענאזיום לערנען, קען ער רעדן צו דעם קינד שפעטער אויך. ער קען רעדן צו דעם קינד ביים עסן, און ער קען רעדן צו דעם קינד ווען מען גייט שפאצירן, שטענדיג קען ער האבען א שפראך מיט דעם קינד, ווייל ער האט מחנך געווען דאס קינד צו תורה, אבער אז מען שיקט א קינד אין גימענאזיום לערנען, איז דער סוף, אז די טאטע קען נישט רעדן מיטן קינד. ווען ער רעדט פון איין זאך, רעדט דאס קינד פון א צווייטע זאך, און עס הערט זיך אויף די קשר צווישן די עלטערן מיט די קינדער.

**האט** ער געזאגט, והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך, ווען דו וועסט אליין לערנען תורה, און נאכדעם ושננתם לבניך, און דו וועסט לערנען מיט דיינע קינדער, דעמאלטס, ודברת 'בם', וועסטו קענען רעדן מיט 'דיינע קינדער', בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך. אבער טאמער עס וועט נישט זיין דער ושננתם לבניך, וועסטו נישט האבען מיט זיי א שפראך, און דו וועסט נישט קענען מיט זיי רעדן.

**אז מען לערנט תורה, און די טאטע'ס לערנען די זעלבע מיט די קינדער, און מען טוט מחנך זיין די קינדער צו תורה, האט דער טאטע א שפראך מיט דעם קינד. און ווען עס קומט א שבת, עס קומט א יום טוב, ער גייט ערגעץ שפאצירן, זאגט די טאטע נאך א ווארט פאר קינד, און דאס קינד זאגט נאך א ווארט פארן טאטע, און עס טוט דערהייבן די גאנצע שטוב, פאר א תורה'דיגע שטוב.**

*

**עס** איז זיך צוזאם געקומען אזא שיינע ציבור פון יונגעלייט וואס האבען גענומען אויף זיך עול תורה, גענומען אויף זיך אנצוהייבן ש"ס, און לאמיר האפען אז מען וועט זיך צוזאמקומען אי"ה אויפן סיום פונעם ש"ס, און ענדיגען אינאיינעם. מן היום הראשון אשר נתת אל לבך להבין ולהתענות, יעצט איז אויך די סיום אויף די מסכת. אין הימל ווערט גערעכנט, כאילו מיר האבען געמאכט נישט נאר א התחלת הש"ס, נאר עס האט שוין אויך צוגעברענגט צום סיום הש"ס. און די שכר אויבן אין הימל, איז שוין צוגעגרייט פון יעצט אן.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל זיך קענען מדבק זיין אין תורה, זיצען און לערנען אליין, און לערנען מיט די קינדער. **ווער עס האט עס גענומען אויף זיך, וועט זעהן אז ברבות הימים וועט ער נתהפך ווערן לאיש אחר. אז מען ליגט אין תורה, ווערט מען א אנדערע סארט מענטש. און נישט נאר ער ווערט נתהפך לאיש אחר, נאר אויך זיין גאנצע שטוב, וואס היינט דארף מען אזויפיל סייעתא דשמיא, אז א שטוב זאל זיך האלטען צו תורה, וועט אויפגעבויט ווערן דורך דעם וואס ער נעמט אויף זיך דעם עול התורה.** זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל ארויסקומען א כבוד שמים. און מען זאל קענען אנהייבען די מסכת, און גומר זיין די מסכת, און ליגען אין תורה.

**עס** איז נאך די הייליגע טעג, זאל דער אייבערשטער געבן, אז די אלע תפילות וואס מען האט מתפלל געווען אין די טעג, זאל אנגענומען ווערן לרחמים ולרצון. דער באשעפער זאל אונז אלע געבן, אז דאס יאר וואס מיר האבען אריינגעטרעטן, זאל זיין א שנה טובה ומתוקה, א געבענטשט יאר און א פרייליכע יאר, און מיר זאלן זעהן שמחות און נחת ביי אונזערע קינדער. אין די זכות פון תורה וועלן מיר זוכה זיין, צו זעהן בביאת משיח בן דוד במהרה בימינו אמן.